NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13328

YOSL

Zvi Hirsh Zelchenko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאבד

[illegible]

ס'איז געווען א וואונדער מעשה,
פול מיט טרויער, פול מיט לייד,
פול מיט האפענונגען שיינע,
פול מיט העלדישקייט און פרייד.
אט די מעשה איך איצט, קינדער,
איך דערצייל, טא הערט זיך איין,
נאר און אפמאך: קיין שום טומל
זאל ביי אונז דא היינט ניט זיין!..

.1

ס'האט געוואוינט א אינגל יאסל
אויף א פארם לעבן וואלד.
און געוואקסן גליקלאך יאסל:
ס'איז אים צען געווארן באלד.
ניט אמאל אין וואלד זיך יאסל
שוועבלאך קלייבן, זוכן ניס.
לויפט ארום פון בוים צום ביימל,
שארט די גראזן מיט די פיס.
אט אזוי פון בוים צום ביימל
איז ער ווייט אוועק אליין,
ניט באמערקט, ווי נאכט קומט אונטער:
לאנג די זון פארגאנגען שוין...
וויל אהיים גיין יאסל גיכער
און צוריק ער קערט זיך אום

נאָר די שאָטנס אַלץ געדיכטער
וויקלען שנעל דעם וואַלד אַרום.
פינצטער ווערט, כאָטש שטעך אַן אויג אויס!
ווייס ער ניט, וווּהין צו גיין
און ביינאַכט אין וואַלד געדיכטן
בלייבט ער איבער גאָר אַליין.
ס'העלפט ניט וויינען, ס'העלפט ניט שרייען:
שרעקלעך איז אין וואַלד ביינאַכט:
בלויז די האָזן לויפן, שפּייען,
בלויז די סאָווע לאַכט און לאַכט.
און עס וואַנדערט יאַשל אײַנזאַם,
ווייל פון וואַלד אויך ניט אַהיים,
אָפן ברייט די גרויסע אויגן,
אויסגעשטרעקט די הענט פאָראויס...
פּלוצלונג הערט ער מענטשנשטימען
קומען אָן פון טיפן וואַלד,
און אַ פײַערל אַ קליינעם
צווישן ביימער זעט ער באַלד.
פול מיט האָפענונג איז יאַשל
לויפט צום פײַער מיט געוויין:
טראַכט די מענטשן וועלן זיכער
ברענגען אים צוריק אַהיים.
קומט ער נאָענט, זעט ער מענטשן
זינגען לידער, לאַכן שטיל,
קליינע קינדער שלאָפן רויק

אויפ'ן גראז, באטש נאכט איז קיל.
יאסל קוקט איצט אן די מענטשן:
מאדנע מענטשן: שווארצע האר
און געזיכטער — ברוינער קופער,
אויגן — דימענטן א פאר.
ריידן זיי — א וואסער גיסט זיך
אין געדיכטן וואלד ביינאכט,
ווי אין סטאיעס פייגל פליען
הילכט עס אפ, ווען איינער לאכט.
א ציגיינער שבט פריער
האט אין וואלד זיין היים געמאכט,
אט, וואוהין דער קליינער יאסל
איז געקומען שפעט ביינאכט!...
(די ציגיינער לעבן זומער
אין די וועלדער אויף דער פריי,
ווינטער פעקלען זיי זיך איבער
אין די שטעטלאך דערביי.)
קליינער יאסל גייט צו נאענט:
מענטשן, העלפט מיר: כ'בין אליין:
איך האב זיך אין וואלד פארבלאנדזשעט,
פירט מיך אפ צוריק אהיים...
קוקן רואיק איצט די מענטשן,
ריידן שטילער צווישן זיך.
איינער זאגט אים: „לייג זיך, קליינער,
לייג זיך, שלאף, בארואיק זיך!

מארגן פרי, ווען טאג וועט גרויען,
וועסטו גיין צוריק אהיים,
וועט דיין מאמע זיך דערפרייען,
וועסטו פריילאך זיין אליין"...

— — — — — — — — — — — — — —

אט שוין! ב'גרויט דער מארגן שטילער,
טיף אין וואלד א דרימל ליגט
און פון טייך א ווינטל קילער
איינס און איינס די ביימער וויגט.
שנעל האט זיך דער נאכטער לאגער
מיט געפילדער, מיט געשריי
אויפגעהויבן פון געלעגער,
איינגעפאקט זיך איינס און צוויי...
איבער וועגן, איבער שטעגן
ציט זיך אויס דער קאראוואן:
גייען מענער נאך די בוידן,
טרעטן לאנגזאם פערד אין שפאן...

.2

ס'איז געווען פארנאכט שוין ווידער,
ווען מיט טומל, מיט געהודער
האט דער קאראוואן א מידער
אפגעשטעלט זיך טיף אין וואלד.
יאבל קוקט אויף אלע זייטן

און דאָס הערצל נאָגט איִם, גראָבט.
פלוצלינג שרייט ער אויס צעשראָקן:
„וואָס האָב איך געבראַכט מיר, זאָגט!"...
„שווייג דו קליינער!" זאָגט אַן עלטער:
„בלייבסט מיט אונז אין וואַלד, אין פעלד:
אַ ציגיינער ווערסטו ווערן,
אַ ציגיינער אין אַ העלד!"...
ס'האָט שוין יאָסל גוט פאַרשטאַנען,
וואָס מיט אים האָט דאָ פּאַסירט
און פאַרוואָס אין וואַלד געריבן
האָבן זיי אים איצט פאַרפירט...
יאָסל איז מיט זיי פאַרבליבן,
האָט געלעבט אין פעלד, אין וואַלד,
טעג נאָך טעג זיינען געפלויגן:
ס'איז אים עלנט געוואָרן באַלד...
אַ יאָר אַ גאַנצער איז פאַרלאָפן
זייט איז יאָסל פון זיין היים,
ווערט ער שוין מיט די ציגיינער
אַ ציגיינערל אַליין...
האָט ביטאָג די פערד געפיטערט,
מיט די קינדער זיך געשפּילט
און ביינאַכט מיט טרערן הייסע
זיין פערקלעמטע האַרץ געקילט...

.3

כ׳איז געווען דארט צווישן קינדער
א קליין אינגל: קלוג און שיין,
פלעגט ער שטענדיק זיין פארטומערט,
שטענדיק טרויעריק, אליין.
אט דאס אינגעלע, אלעקא
איז א קאליקע געווען:
ער האט ביידע פיס פארלארן,
ווען אים איז ערשט פינף געווען.
ווען די קינדער פלעגן אלע
אנגיין פריילאך מיט א שפיל,
פלעגט אלעקא אינזאם זיצן
און פלעגט וויינען אין דער שטיל.
יאבל האט אים ליב_געקראגן
און האט זיך מיט אים געשפילט
ווינען זיי געווען חברים:
איין האט כ׳צווייטע שטענדיק פילט...

.4

ווידער האט דער ליבער זומער
שוין באגליקט די פרייע וועלט,
לאנג פארשוואונדן זיינען שטורעמס,

לאנג פארשוואונדן שניי און קעלט.
ווידער גרינען וועלדער, פעלדער,
ווידער ברומט אין וואלד דער שטראם
און אין פעלד א פרייען לעבן
די ציגיינער הייבן אן.
גייט אמאל צום טייכל יאסל
וואסער שעפן, קאכן טיי,
זעט ער דארטן צווישן ווערבעס
מיט די וועדקעס פישער צוויי.
„א גוט מארגן, מענטשן גוטע!"
הופט זיך פריילאך יאסל אפ
און צו ביידע אומבאקאנטע
נייגט ער גריסנדיק זיין קאפ.
„א גוט מארגן, א גוט יאר דיר!"
ענטפערט איינער אפ אים גלייך:
„זאג נאר, בחור, וואס טוסטו דא
נאר אין וואלד ארום א טייך!"...
„איך בין דא מיט די ציגיינער",
ענטפערט יאסל: „פאר ארום,
אויסגעוואנדערט אלע וועלדער,
אויסגעוועזן אומעטום!"...
מיט ציגיינער, גוטע ברודער,
און אליין ווער ביזטו, זאג!
אז דו ביזט ניט קיין ציגיינער,
דאס איז מיר דאך קלאר ווי טאג!"...

יאבל האט דערציילט זיין מעשה,
ווי ער האט געלעבט דעם יאר,
אלץ האט ער דערציילט די פישער,
ניט פארפעלט קיין איינציק האר.
„נו, א גליק האט אונז געטראפן!"
זאגט איין פישער צו זיין פריינט:
„א באלוינונג פון זיין פאטער
קריגן מיר מסתמא היינט!"
„קום מיט אונז איצט, יאבל, גיכער
שטיל און רואיק איז דער טייך.
צו דיין הויז, דו קענסט זיין זיכער,
פירן מיר דיך אפ איצט גלייך"...
און דאס קליינע הערצל יאבל'ס
שפרינגט פאר פרייד שיר ניט ארויס:
מיט זיין מאמען וועט ער זיין באלד!
און די צרות זיינען אויס!...
קומט צו יאבל שנעל צום שיפל,
מיט אמאל ער שטעלט זיך אפ
און פון זיינע שווארצע אויגן
פאלט א גרויסע טרער אראפ.
און די פישער בעט ער שטילער:
וואַרט אביסל דא בייַ טייך:
„איך וועל זען, וואס טוט אלעקא
און צוריק דאן קומען גלייך.
און אין וואלד, ווי פייל פון בויגן

לויפט ער. פול זיין הארץ מיט פרייד:
פול זיין הארץ מיט פרייד פאר זיך בקויז,
פאר אלעקא'ן פול מיט לייד...
קומט אין לאנער קליינער יאבל
זעט: מען רירט זיך שוין פון ארט:
ווי די בינען האווז מענטשן,
ווי אין בינשטאק זשומעט דארט!...

— — — — — — — — — — — — — —

איבער וועגן, איבער שטעגן
ווידער גייט דער קאראוואן,
גייען מענער נאך די בוירן,
טרעטן לאנגזאם פערד אין שפאן...
ווידער איז געפאנגען יאבל!
ווידער בלייבט ער אן א היים
און אין וואלד מיט די ציגיינער
וועט ער בלייבן איצט אליין...
לאנגזאם גייט דער קאראוואן שוין
איבער וועג איצט פאזע טייך...
און מיט הארץ נעמט אן זיך יאבל,
שפרינגט פון בויד אין וואסער גלייך.
און א וואונדער איבער וואונדער!
יאבלען איז א גליק געשען:
בלויז די פישער צווי פון ווייטן
האבן אים אין טייך דערזען!...

5.

איבער שפּיגל בייך דעם קלאָרן
פאַרט דאָס שיפעלע געשווינט,
ביי דעם רודער זיצט א פישער,
ציט דעם זעגל אָן דער ווינט...
שוין דער טאָג פאַרשווינדט אינגאַנצן
הינטער באַרג די זון פאַרגייט
אין פון ווייטן לעבן וועלדל
יאַכל זעט זיין פאַרם שטייט!...

לעבט איצט ווידער אונזער יאַכל
איז'ן פאַרם לעבן וואַלד.
בייגקט ער אָפט נאָך זיין אלעקאן...
ב'ייעט איב צוועלף שוין יערן באַלד...

אַ מאַמעס האַרץ

הינטער בערג און הינטער טאָלן,
ווי אויף לייוונט אויסגעמאָלן,
איז ביים ים געשטאַנען ווייט
אַ קליין שטיבל אַן אַ זייט.

אין דעם שטיבעלע דעם קליינעם
האָבן ברידער דריי איינאיינעם
האָט זיך געלעבט צוזאַמען
מיט דער גוטער אַלטער מאַמען.

בלויז די עלטערע צוויי ברידער
פלעגן מיט'ן שיף און רודער
יעדן טאָג באַגינען פאָרן
כאַפּן פיש אין וואַסער קלאָרן.

און דער אינגסטער פלעגט פאַרבלייבן
העלפן מאַמען הויז צוקלייבן.
אַט אַזוי אין שטיבל קליינעם
האָבן זיי געלעבט איינאיינעם.

אײנמאל זײנען בײדע ברידער
מיט'ן שיפ און מיט'ן רודער
װײט אין ים אװעקגעשװאומען
און פארזאמט צוריק צוקומען.

װארט די מאמע, װארט דער ברידער.
הערן: ב'ארבעט װײט א רודער, —
שװימט צום ברעג א שיפל גיכער...
ענגלאר! װי זײנען דאס זיבער!...

ליגט די מאמע גלײך צום ברעג,
ליגט און זעט: א זילבערװעג,
װי א ברײטער שטילער טײך
ציט זיך איבער װאסער גלײך.

שװימט א שיפל, שװימט צום ברעג
איבער שטילן זילבערװעג,
פון דעם רודער פערל שפריצן
מענטשן צװײ אין שיפל זיצן.

קומט דאס שיפל צו צום ברעג,
שטעלט זיך אפ, פארשװינדט דער װעג...
און די ברידער צו נעריש
שטײגן שטיל פון שיפ ארױס.

— „וואו זייט איר געווען די צייט?
צי פארטראגן ערגעץ ווייט?
וואו געטרונקען, וואו געגעסן,
צי אן אייער היים פארגעסן?"

און די ברידער דאן צוזאמען
מיט דער אלטער גוטער מאמען
זיינען זיך אין הויז אריין
און דערציילט די מעשה פיין:

„זיינען מיר אין ים אין שטילן,
אין א מארגן אין א קילן
כאפן פיש ארויס אליין.
שטיל דער ים געווען און שיין.

פלוצלונג נעמט א ווינט נאך קערן,
שנעלער, שטארקער, ווי די בערן
לויפן כוואליעס גרויס און שווער,
ווארפן שיפל הין און הער.

ווינטן שטארקער אנגעלאפן,
ביי דער ארבעט אונז געטראפן,
האבן שיפל אויסגעקערט, —
אונזער לעבן שיר פארצערט:

שרעקלאך האט דער ווינט געבלאזן
אונזער קראפט האט אונז פארלאזן.
און דער שלעכטער ווינטער טויט
איז פאר אונז געוועזן גרייט.

אט שוין, אט, במעט פארלארן,
אלע בחות אנגעווארן:
„מאמע! — שריי איך פלוצלונג אויס:
תפלה טו — מיר גייען אויס!"...

און עס איז א נס געשען:
ב'האב א קלאנג אין ים דערזען.

זיינען מיר דאן לאנג געשוואומען,
ביז מיר זיינען צוגעקומען —
צו א וויסטן, הייסן ברעג
און געבליבן דארט דריי טעג.

אויפ'ן פערטן טאג באגינען
האט באגליקט אונז צו געפינען
א קליין שיפל אויפ'ן ברעג:
זיינען מיר ארויס אין וועג.

ווינט די מאמע, ווינט פון פרייד:
„איך געדענק א נאכט פון לייד,—

ס'איז דער שלאָף פֿון מײַנע אױגן
דאָן בכּעס אַװעקגעפֿלױגן.

פּלוצלינג הער איך הינטן װײנען,
הער איך, װי עס שרײַט מײַן קינד:
„מאַמע! די װאַרפֿסט איצט ניט שלאָף!
ס'האָט אַ איבעריק אונז געשלאָפֿן!"

אַז די נאַכט, נאַכט נאַכט
האָב איך דאָ אַלײן געװאַכט"...

Copyright
by
FARLAG "ZWEIGEN"
175 E. Broadway
Room 707
New York, 1925

לעוואנט פרעס, 58-54 קאנעל סטריט, ניו יארק, נ. י.